# הערות צום אַריינפיר: ש. ניגער — דער קריטיקער און דער מענטש

1. אין דעם אַריינפיר, וואָס ווערט געבראַכט צו ש. ניגערס „נאָטיצן" און צו דעם „טאָגבוך" ווערט די ביבליאָגראַפיע אָנגעגעבן אין טעקסט. איך בין באַזונדערס דאַנקבאַר דעם געוועזענעם אַרכיוואַר פון דעם „ייוואָ" יחזקאל ליפשיץ, פאַר זיין אַרבעט א"נ „אָפּקלייב פון דער לייוויק־ניגער קאָרעספּאָנדענץ (מיט אַן אַריינפיר און הערות)", אָפּגע־דרוקט אין פּנקס פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, באַנד 2, רעדאַקטירט פון חיים בעז, אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1972.
2. דער בריוו פון ש. ניגער צו אהרן צייטלין (מאַי 1944) געהערט צום פּריוואַטן אַרכיוו פון קאָלעגע צייטלין.
3. די בריוו צו ש. ניגערן פון ד"ר י. קלויזנער, מאַקס ווײַנרייך און שלום אַש, וואָס ווערן דערמאָנט אָדער ציטירט אין דעם אַריינפיר, געפינען זיך אין „ייוואָ"־אַרכיוו.
4. די פולע ביבליאָגראַפיע קען מען געפינען אין דער ביבליאָגראַפישער קאַרטאָטעק פונעם לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור וואָס געפינט זיך אין רשות פון יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק.
5. אַ וויכטיקער מקור פאַר דער ביאָגראַפיע פון ש. ניגער זיינען די וויכטעררדיקע בענד מעמוארן פון דניאל טשאַרני: א) באַרג־אַרויף (בלעטלעך פון אַ לעבן), פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, 1935; ב) משפחה־כראָניק, מעמוארן (1888־1901), ווילנע, 1927; ג) אַ יאָרצענדליק אַזאַ (1914 — 1924), „ציקאָ", ניו־יאָרק, 1943; ד) ווילנע, מעמוארן, בוענאָס־איירעס, 1951; ה) דוקאָר, מעמוארן, פאַרלאַג „טינט און פעדער", טאָראָנטאָ, 1951.
6. די פּאָליטישע געשעענישן אין דער שטאָט ווילנע במשך דעם יאָר 1919 (זייטן 45־47 פונעם אַריינפיר), זיינען אַ בלעטל זכרונות פונעם מחבר פון דעם אַריינפיר. ער איז דעמאָלט געווען אַ תושב פון דער שטאָט ווילנע און זיין אייגענע משפחה האָט שטאַרק געליטן אין די פּאָגראָם־טעג. דער פאָרשער קען קאָנפראָנטירן די פאַקטן מיט די וויכטעררדיקע מקורים: א) א. ווייטער, כתבים, צונויפגעזאַמלט פון א. י. גאָלדשמידט (מיט אַ ביאָגראַפישן אַריינפיר), פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1923; ב) א. מאַרעווסקי, אַהין און צוריק (זכרונות און רעיונות פון אַ יידן אַן אַקטיאָר), 3 בענד, פאַרלאַג „יידיש־בוך", וואַרשע, 1958־1960.

7. וועגן דער באַגעגעניש צווישן דוד פּינסקי און אברהם ליעסין קען מען געפינען אין דער אויסגאַבע — אברהם ליעסין, זכרונות און בילדער, „ציקאָ״ ביכער־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1954.

8. אהרן ציטלינס עסיי, „וועגן ניגערן — און אַ צענטראַלן פּונקט אין זיין לעבן״, איז אָפּגעדרוקט אין אַ ספּעציעלער זאַמלונג געווידמעט דעם אָנדענק פון ש. ניגער און אַרויסגעגעבן פון שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, אונטער דער רעדאַקציע פון ש. גוטמאַן, ניו־יאָרק.

9. טייל ציטאַטן וועגן אהרן ציטלינס שאַפן זיינען גענומען פון ש. ניגערס אַרטיקל אָפּגעדרוקט אין דער טאָג, ניו־יאָרק, 24סטער דעצעמבער, 1950, א״נ „היי־יאָריקע פּרעמיעס פון לואיס לאַמעד פאָנד״. אַנדערע ציטאַטן זיינען גענומען פונעם באַנד ש. ניגער, יידישע שרייבער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, באַנד 1, 1972.

10. דער באַנד 41 פון די „ייוואָ־שריפטן״, 1958, וואָס איז דערשינען נאָך דעם קריטיקערס טויט, אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר שלמה ביקל און לייבוש לעהרער, פאַרמאָגט צוויי וויכטיקע אַרבעטן פון פּראָפ׳ דב סדן (ירושלים) און פון ה. לייוויק. לייוויקס הספד איז אָפּגעדרוקט אין זיין באַנד עסייען און רעדעס, אַלוו׳ יידישער קולטור־קאָנגרעס, 1963.

11. שמואל ניגער האָט פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין יידישן קולטור־לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. ער איז יאָרן לאַנג געווען דער פּרעזידענט פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט און פון 1921 ביז 1947 האָט ער רעדאַגירט דעם קינדער־זשורנאַל, וואָס דער אינסטיטוט האָט אַרויסגעגעבן. ניגער איז אויך געווען אַ מיטגליד פונעם פּעדאַגאָגן־ראַט פון די אַ״ר־שולן. אין 1940 איז דערשינען זיין בוך אין קאַמף פאַר אַ נייער דערציאונג — די אַרבעטער־רינג־שולן, זייער אָפּשטאַם, אַנטוויקלונג, וואוקס און איצטיקער צושטאַנד. ש. ניגער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ און פון יידישן קולטור־קאָנגרעס (1948). איןביידע אָרגאַניזאַציעס האָט ער פאַרנומען אָנפירנדיקע אַמטן. במשך פון עטלעכע צענדליק יאָר איז דער קריטיקער געווען אַ לעקטאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר און פאָלקס־אוניווערסיטעט און אויך אויף די אַרבעטער־רינג־לערער־קורסן, אין די פאַרשיידענע פּעריאָדן וועו זיי האָבן עקזיסטירט. ש. ניגער איז געווען איינער פון די חשובסטע מיטגלידער פון י. ל. פּרץ־שרייבער־פאַראיין און פון פּען־קלוב. ער איז אויפגעטראָטן ביי אַ סך ליטעראַרישע אָוונטן פון ביידע אָרגאַניזאַציעס און אויך ביי די קאָנפערענצן פון יידישן קולטור־קאָנגרעס, ייוואָ, יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אַרבעטער־רינג, יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און אַנדערע.

12. אַ געקליבענע ביבליאָגראַפיע פון אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן ש. ניגערס שאַפן קען מען געפינען אין 6טן באַנד פונעם לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1965. דאָרט ווערן אויך אויסגערעכנט אַלע ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין וועלכע ער האָט מיטגעאַרבעט און אויך די וועלכע ער האָט רעדאַקטירט.

13. וועגן ש. ניגערס ליטעראַרישער טעטיקייט אין די רעוואָלוציאָנערע טעג אין פּעטערבורג קען מען געפינען צוגאָב־מאַטעריאַל אין דניאל טשאַרנים מעמואַרן־בוך אַ יאָרצענדליק אַזאַ און אין ד״ר אליהו שולמאַנס פאָרשונג „די צייטשריפט ׳די יודישע (יידישע) וועלט׳״ (פּנקס פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, ניו־יאָרק, באַנד 1, 1965).

14. וועגן דער אומלעגאַלער יידישער פּרעסע און ליטעראַרישע אויסגאַבעס זען: י. ש. הערץ, „די אומלעגאַלע פּרעסע און ליטעראַטור פון בונד״ (פּנקס פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע, באַנד 2, ניו־יאָרק, 1972).

15. די אינפאָרמאַציע וועגן דער השפעה וואָס דער דענקער און ליטעראַטור־פאָרשער ווילהעלם דילטעי האָט געהאַט אויף ש. ניגערן, האָט מיר איבערגעגעבן דער קריטיקער אַליין אַ פאַר יאָר פאַר זיין טויט. אין די נאָטיצן און טאָגבוך ווערט זיין נאָמען נישט דערמאָנט. דער פאָרשער וועט דאַרפן קאָנטראָלירן די השפעה פון די אַנדערע קריטיקער, וואָס ווערן יאָ דערמאָנט, בעיקר אין די פאַרצייכענונגען פון די ערשטע יאָרן.

16. וועגן י. אָפּאַטאָשוס מיינונג וועגן מענדעלעס סטיל און אופן שרייבן (אין תוך אַ נעגאַטיווע) האָט מיר איבערגעגעבן זיין פרוי אַדעלע אָפּאַטאָשו, די לעצטע יאָרן פון איר לעבן, ווען איך האָב זי אינטערוויואירט אין שייכות מיט מיין לענגערער אַרבעט וועגן אָפּאַטאָשון אין מיין בוך שרייבער און ווערק.

17. ש. ניגערס קריטישע פאַרצייכענונג וועגן ש. דובנאָוון געדענקט דער מחבר פון אַריינקוק, אָבער ער קען נישט אָנגעבן געניי דעם מקור. די פאַרצייכענונג האָט זיך געלייענט אַן ערך אַזוי: — ש. ניגער האָט באַזוכט דובנאָוון אין פּעטערבורג מסתמא אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און דובנאָוו האָט אים דערציילט וועגן זיינע פּלענער פאַר וויטערדיקער פאָרשונג. ניגער האָט אים אויסגעהערט און ענדיקט די פאַרצייכענונג מיט אַן ערך אַזאַ פראַגע: צי האָט ער אָבער די פעאיקייט, די פּאָטענץ פאַר אַזעלכע גרויס־פאָרמאַטיגע אַרבעטן. דער מחבר האָט די נאָטיץ געזען מיט יאָרן צוריק, ווען פרוי בתיה טשאַרני־ניגער האָט אים געוויזן פאַרשיידענע פאַרבליבענע בלעטלעך פון ניגערן.

18. אָפּשאצונגען וועגן ש. ניגערס ליטעראַרישער טעטיקייט האָט דער מחבר שוין פריער פּובליקירט אין צוויי ביכער שרייבער און ווערק, פאַרלאַג „המנורה", תל־אָביב, 1971, און אונדזער דור מוז אָנטשיידן, י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אָביב, 1963.

19. דער מחבר פון אַריינפיר וויים נישט גענוי ווי אזוי צו באַצייכענען זיין באַטייליקונג אין צוגרייטן דעם מאַנוסקריפּט פון טאָגבוך. ער איז געווען צום טייל א רעדאַקטאָר, צום טייל א בעל־יועץ פאַר דער משפּחה טשאַרני־ניגער וואָס שייך דער פּובליקאַציע פון די נאָטיצן און פון דעם טאָגבוך. אין געוויסע פּרטים האָט ער אויסגעפאָלגט די וואונטשן פון דער משפּחה. עס איז נייטיק געווען צו געפינען אַן אופן ווי אזוי דער טאָגבוך זאָל שוין איצט קענען פאַרעפנטלעכט ווערן און מען זאָל נישט דאַרפן וואַרטן אַוועלכע צוויי צענדליק יאָר. אַלץ וואָס אין טאָגבוך איז אָפּגעדרוקט געוואָרן איז גענוי ווי ש. ניגער האָט געשריבן. עס זיינען צומאָל אויסגעלאָזן געוואָרן נעמען כדי נישט צו שטעלן מענטשן אין א פאַרלעגנהייט.

20. דאָ ווערן געגעבן עטלעכע תיקונים צו דעם אַריינפיר. אין די נאָהע־ריקע ערטער דאַרף מען לייענען אזוי:
א) דער טאָגבוך דערשיינט אַבצן יאָר נאָך ש. ניגערס טויט, און נישט זיבעצן; ב) ש. ניגערס אַרטיקל וועגן די אומגעקומענע סאָוועטיש־יידישע שרייבער איז דערשינען אין די פופציקער יאָרן; ג) ש. ניגער האָט פאַרעפנטלעכט זיינע וויכטיקע אַרטיקלען וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין 1912 (על־פּי טעות איז אין אַן אָרט אָנגעגעבן 1917).

**חיים בעז**